**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/19/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווענער האקול מעלדט עמפייר טעכנעלאגיע פרייז געווינער אויסגעוועלט צו פאראויסריקן נידריג קארבאן הייצונג סיסטעמען**

***Miller Proctor Nickolas, Inc צו באקומען 1 מיליאן דאלאר געשאנק צו פאראויסריקן הוץ פאמפ לעזונגען צו שפארן פאר קאנסומער ענערגיע און קאסטן***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן די אויסוויל פון א געווינער פון די עמפייר טעכנעלאגיע פרייז פארמעסט צו פאראויסרוקן דאס אויפבוי פון טעכנעלאגיעס פאר נידריג קארבן הייצונג סיסטעמס רעטראפיטס און שפארן ענערגיע און קאסטן אין הויכע קאמערציאלע און מולטיפאמיליע געביידעס אין ניו יארק סטעיט. Miller Proctor Nickolas, Inc איז אויסגעוועלט געווארן צו באקומען 1 מיליאן דאלאר הויפט פרייז פאר דאמאנסטרירן סיגניפישע פארשריט אין די אנטווילקונג און באנוץ פון דאמף און הויכע טעמפעראטורן הייסע וואסער הוץ פאמפס אלץ א לעזונג וועלכע איז ענערגיע עפיציענט און קען ווערן איינגעפירט צו שפארן פאר קאנסיומער ענערגיע אלץ טייל פון ניו יארק סטעיט'ס ענערגיע אריבערגאנג.

"ניו יארק סטעיט טוט אינוועסטירן אין מאדערנע, ענערגיע עפיציענט לעזונגען צו העלפן פארוואלטן ענערגיע קאסטן און פארמינערן פארלאנג אויף די עלעקטרישע גריד ווען לייגענדיג די געזונטהייט פון ניו יארקער פארנט און צענטער," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אנטיילנעמער אין די פארמעסט האבן די וויזיע און דעדיקאציע צו פאראויסריקן נייע און אינאווירענדע טעכנעלאגיעס וועלכע וועלן העלפן צושטעלן מאדערנע אמעניטיס אין אונזער פארעלטערטע געביידע זאמלונג און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר איינוואוינער איבער די סטעיט."

די עמפייר טעכנעלאגיע פרייז פארמעסט איז געשטיצט דורך די אינאוואציע און פארש פראגראם ביי די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארש און דיוועלאפמענט אטאריטעט (Energy Research and Development Authority NYSERDA) און אדמיניסטרירט דורך The Clean Fight. די הויפט פרייז געווינער איז אויסגערופן געווארן ביי א צערעמאניע אין ניו יארק סיטי צוזאמען מיט די שטאב פון Flow Environmental Systems, Ambient Enterprises, און Gil-Bar Industries געמאלדן אלץ די $100,000 צווייטע-פלאץ פרייז געווינער. אין צוגאב, Johnson Controls האט באקומען א באעהערונג דערמאנונג און אלע פינאליסטן האבן פרעזענטירט לעזונגען צו פאראויסריקן טעכנעלאגיעס אין געביידעס וועלכע רעפריזענטירן די ביליאנען פון קוואדראט פוס פון עקזיסטירענדע קאמערציאלע און מולטיפאמלייע געביידעס דורך אויס ניו יארק סטעיט.

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארש און אנטוויקלונג אוטאריטעט פרעזידענט און CEO Doreen M. Harris (דארין מ. העריס) האט געזאגט,** "קאנגראטולאציעס צו Miller Proctor Nickolas און די שטאב פון Flow Environmental Systems, Ambient Enterprises, און Gil-Bar Industries פאר זייער ארבעט צו מאכן רעטראפיטינג א ברייטע טוץ פון הויכע געביידעס אין ניו יארק סטעיט גרינגער און

מער עפיציענט. איינמאל געברענגט צו סקעיל אין די מארקעט, די טעכנעלאגיעס וועלן צושטעלן ענערגיע שפארונגען צו ניו יארקער דורך מער צוגענגליכע הייצונג און אפקילונג לעזונגען."

Miller Proctor Nickolas, Inc (MPN) איז אויסגעוועלט געווארן אלץ די הויפט געווינער פארן איינפירן ChillHeat o'Oilon טעכנעלאגיע, א לעזונג וועלכע טרייבט סיי הויעך טעמפעראטור הייס וואסער און דאמף פאר באנוץ אין הויכע געביידעס. זייער לעזונג וועט ווערן אינסאטאלירט אין דריי לאקאציעס אין מאנהעטען אריינגערעכנט אן אפער איסט סייד רעזידענטשעל געביידע אויף Fifth Avenue, אן אפער וועסט סייד געמישטע-באנוץ געביידע מיט קאנדימיניומס און א מידטאון געזונטהייט און פיטנעס קלאב אויף Park Avenue.

די שטאב פון Ambient Enterprises, Flow Environmental Systems און Gil-Bar Industries איז אויסגעוועלט געווארן פאר די צווייטע-פלאץ פרייז פאר קאמערציאליזירן א הויכע טעמפעראטור הייס וואסער הויץ פאמפ נוצענדיג לופט אדער וואסער קוואל הויץ און די נאטורליכע אפקילער פון קארבאן דיאקסייד. די טכנעלאגיע וועט ווערן אינסטאלירט אין מאנהעטען אויף די אפער וועסט סייד, ביי די Union Theological Seminary, א שליסל היסטארישע געביידע, ערלויבענדיג די ערשטע קארבאן דיאקסייד הויעך טעמפעראטור הייס וואסער הויץ פאמפ איינשטעלונג אין ניו יארק.

דורכאויס די פארמעסט, איבער 8 מיליאן דאלאר איז געווארן געשאנקען צו שטיצן פראדוקט אנטוויקלונג און דעמאנסטרירונג פראיעקטן אין א טוץ פון געביידע סארטן אין ניו יארק סטעיט. איבער 4.1 מיליאן דאלאר איז געווארן דירעקטירט צו זיבן דעמאנסטרירונג פראיעקטן, מיט 35 פראצענט גייענדיג צו צוויי פראיעקטן לאקאירט אין _פארנאכלעזיגטע געמיינדעס, ווי דעפינירט לויט די קלימאט גערעכטיגקייט ארבעט גרופע.

די דעמאנסטירונג פראיעקטן נעמען אריין:

- AtmosZero - $500,000 פאר א דאמף הויץ פאמפ נוצענדיג וואסער אדער לופט קוואל הויץ מיט א גרויסע האטעל אין מיטדאון מאנהעטען.
- Clean Heat Technologies – איבער $400,000 פאר א דאמף הויץ פאמפ נוצענדיג וואסער קוואל הויץ אין א צוגענגליכע וואוינונג געביידע אין הארלעם.
- Hydronic Shell – איבער 1 מיליאן דאלאר פאר א פארטיילונג לעזונג אין א צוגענגליכע וואוינונג אטאריטעט געביידע אין סיראקיוז.
- MPN –
- די שטאב פון Ambient Enterprises, Flow Environmental Systems און Gil-Bar Industries - 1.2 מיליאן דאלאר פאר א הויכע טעמפעראטור הייס וואסער הויץ פאמפ נוצענדיג לופט אדער וואסער קוואל הויץ אין א געביידע אין מאנהעטען.

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון פובליק סערוויסעס (Department of Public Service) CEO Rory M. Christian (ראָרי מ. קריסטשען) האט געזאגט,** "קאנגראטולאציעס פאר די פירמעס וועלכע האבן געווינען אווארדס וועלכע מאכן אן אויסערגעווענליכע באמיהונג צו רעטראפיט געביידעס זיי צו מאכן מער ענערגיע עפיציענט. טעכנעלאגיע פון די סארט וועט שפילן א וויכטיגע ראלע צו מאכן הייצונג און אפקילונג מנער צוגענגליך."

**The Clean Fight פארוואלטונג דירעקטאר Kate Frucher (קעיט פרוטשער) האט געזאגט,** "אונז זענען זייער פריילעך מיט די אויסערגעווענליכע פארשריט די פינאליסטן האבן געמאכט. די לעזונגען האבן נישט עקזיסטירט אין די מארקעט א יאר צוריק, און נישט נאר איז גרויס טעכנעלאגישע פארשריט

געמאכט געווארן, נאר זיבן אקטיווע דעמאנסטראציע פראיעקטן זענען אינטערוועגנס איבער ניו יארק סטעיט. די פינאליסטן האבן איבערגעשטיגן אונזער ערווארטונגען און זייער פארשריט דעמאנסטרירט זייער טיפע פארפליכטונג צו אנטוויקלען די קריטישע אינאוואציעס. עס איז אויך עדות צו מארקעט פארלאנג פאר גריגער-צו-איינפירן לעזונגען וועלכע קענען מאדערניזירן וויאזוי אונז הייצן ניו יארק'ס הויכע געביידעס און באקומען א מער נאכהאלטיגע און שטאנדהאפטיגע צוקונפט פאר יעדער."

**Wells Fargo הויפט פון שטאנהאפטיגקייט Jeff Schub (דשעף שאב) האט געזאגט,** "Wells Fargo's ספאנסארשיפ פון די עמפייר טעכנעלאגיע פרייז שטעלט זיך אויס מיט אונזער אנגייענדע באמיהונגען צו שטיצן אינזער קליענטען, קאסטומער און געמיינדעס ווען זיי ארבעטען פאראויס צו זייער אייגענע נאכהאלטיגקייט און שטאנהאפטגיקייט צילן. אונז קאנגראטולירן די באשאנקענע געמאלדן היינט און פייערן די מאכט פון אינאווירונג און צוזאמארבעט אין מאכן געביידעס און אונזער געמיינדעס בעסערע פלעצער צו לעבן און ארבעטן."

**Rocky Mountain Institute פארוואלטונג דירעקטאר Sukanya Chandrasekar Paciorek (סוקאניא טשאנדראסקאר פאציארעק) האט געזאגט,** "די עמפייר טעכנעלאגיע פרייז האט אינגעצינדען עכטע לעזונגען וועלכע געבן אייגענטומער פראקטישע וועגן צו שניידן קארבאן ווען האלטענדיג געביידעס פארן געשמירט. פינאליסטן טוהן יעצט פילאטן נייע צוגאנגען ווי הייצונג סיסטעמען וועלכע ווערן עלקטריפיצירט אן גרעסערע איפבוי, און רעטראפיט וואנט פאנעלן וועלכע קענען ווערן צוגעלייגט מיט ווייניג שטערונגען פאר טענאנטס. זייער פארשריט ווייזט די שטארקע פארלאנג און וואקסענדע מאמענטום פאר ריינערע, מער שטאנדהאפטיגע געביידעס."

**סטעיט סענאטאר Kevin Parker (קעווין פארקער) האט געזאגט,** "די 1 מיליאן דאלאר געשאנק געשאפן דורך די עמפייר טעכנעלאגיע פרייז שטעלט פאר פיל מער ווי נאר א פרייז, עס איז אן אינוועסטירונג אין אונזער ריינע טעכנעלאגיע צוקונפט. מיט די רעסארסן, אינאווירענדע קענען פאראויסריקן נידריג-קארבאן הייצונג סיסטעמען וועלכע שניידן עמיסיעס, טרייבן אראפ ענערגיע קאסטן פאר פאמיליעס און שאפן נאכהאלטיגע לעזונגען פאר אונזער העכסטע קאמערציאלע און מולטיפאמיליע געביידעס. אלץ טשעיר פון די סענאט ענערגיע און טעלעקאמיוניקאציעס קאמיטעט ( Energy and Telecommunications Committee), איך האב געבארבעט צו פארזיכערן די געלטער ווערן דירעקטירט צו די אינאווירענדע און פראיעקטן וועלכע קענען צושטעלן די גרעסטע ווירקונג פאר ניו יארקער אונז העלפענדיג בויען א מער צוגענגליכע, שטאנדהאפטיגע און קלימאט-פריינטליכע סטעיט."

אין יוני 2024, גאווערנער Hochul (האקול) [האט געמאלדן ](#)פינאליסטן פאר די עמפייר טעכנעלאגיע פרייז, וועלכע יעדער האט באקומען אן ערשטע 250,000$ געשאנק מיט די פאטענציאל פאר ביז נאך 750,000$ ווען זיי האבן עררייכט מיילשטיינער אין מאכן פארשריט אויף זייער לעזונגען. ביז 2 מיליאן דאלאר איז געווארן עוועילעבן צו העלפן פינאליסטן פארקלענערן די קאסטן פון אינסטאלירן לעזונגען ווי פילאט פראגראממען אדער דעמאנסטירונג פראיעקטן אין בארעכטיגטע הויכע געביידעס אין די ניו יארק מארקעט. The Clean Fight, א נישט-פאר-פראפיט פאקוסירט אויף פארשנעלערן די איינפירונג פון לעזונגען פאר די ענערגיע אריבערגאנג פון ניו יארק סטעי, איז אויסגעוועלט געווארן אלץ די פראגראם אדמיניסטראטאר אין סעפטעמבער 2022 און אנגעהויבן די פראגראם אין 2023.

The Rocky Mountain Institute, אן אומאפהענגיגקע נישט פאר פראפיט דעדיקירט צו טראנספארמירן גלאבאלע ענערגיע סיסטעמען דורך מארקעט געיטריבענע לעזונגען, שטעלט צו טעכנישע שטיצע פאר די פארמעסט.

Wells Fargo איז נאך א ספאנסאר פון די עמפייר טעכנעלאגיע פרייז, וויבאלד די פארמעסט שטעלט זיך אויס מיט די פירמע'ס אנגייענדע ארבעט אין פאראויסריקן אינאווירענדע טעכנעלאגיעס וועלכע קענען

העלפן טרייבן עקאנאמישע וואקס, נאכהאלטיגע היים-אייגענטורשאפט און געגענט סטאביליטעט אין געמיינדעס.

די עמפייר טעכנעלאגיע פרייז פארמעסט זעצט פאר NYSERDA’s פירערשאפט אין פאראויסריקן קארבאן-נייטראליטעט אין עקזיסטירענדע געביידעס און בויט אויף לעקציעס געלערנט פון פראיעקטן געשטיצט דורך די סטעיט'ס 50 מיליאן דאלאר עמפייער געביידע פארמעסט, א מיטארבעט צווישען NYSERDA און פירענדע קאמערציאלע ריעל עסטעיט אייגענטומער צו העכערן נייע אויסשטעל צוגאנגען פאר נידריג-קארבאן רעטראפיטס אין ניו יארק'ס הויכע געביידעס.

פאר מער פון פיפציג יאר, איז NYSERDA געווען א געטרויבארע און אומאפהענגיגע ריסאורס פאר ניו יארקער, נעמנדיג אויף זיך די קריטישע ראלע פון ענערגיע פלאנירונג און פאליסי אנאליזירונג, צוזאמען מיט'ן מאכן אינוועסטירונגען וואס טוען פאראויס ריקן ניו יארק אינעם ריכטונג פון א מער סוסטעינעבל צוקונפט. NYSERDA'ס אינאווירונג און פארש פראגראם אנטוויקלט ארום 1.2 ביליאן אין איבער 15 יאר אלס דירעקטע פארש אינוועסטירונגען און קאמערציליאזאציע שטיצע. צום דאטום, מער פון 800 מיליאן דאלאר אין וועסטירונגען האבן געשטיצט מער פון 700 פראגראמען און געמאכט באלד 300 פראדוקטן קאמערציאל פארהאנען צו אינדיווידואלן, ביזנעסער און יוטיליטיס. דורך NYSERDA און יוטיליטי פראגראמען, זענען מער פון 5.6 ביליאן דאלאר אינוועסטירט געווארן צו אראפנעמען געביידעס פון קארבאן און צו שטיצן גאר-ווירקזאמע פולשטענדיג-עלעקטרישע הייצונג און קילונג טעכנאלאגיעס. די היינטיגע מעלדונג ריקט פאראויס גאווערנער Hochul's (האקול'ס) פארפליכטונג צו דיקארבאניזירן געביידעס, וועלכע זענען איינס פון די גרעסטע קוועלער פון קארבאן ארויסגעבונג אין ניו יארק סטעיט.

פינאנצירונג פאר דעם איניציאטיוו איז דורך די ריינע ענערגיע קאסע (Clean Energy Fund, CEF) און Wells Fargo אלץ א פראגראם קא-ספאנסאר מיט איינפירונג שטיצע פון The Clean Fight און טעכנישע שטיצע פון RMI.

**ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע**
ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א א צוגענגליכע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו אן עקאנאמיע פון ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט דזשאבס פון וועלכע עס איז מעגליך צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס שטופט פאר עקאנאמישע וואוקס דורך גרינע אינוועסטירונגען און פארזיכערט אז א מינימום פון 35 פראצענט פון די בענעפיטן קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ניו יארק רוקט זיך פאראויס מיט א רייע באמיאונגען צו ערגרייכן אן עמיסיעס-פרייע עקאנאמיע ביז 2050, אריינרעכנענדיג אין די ענערגיע, געביידעס, טראנספארטאציע און מיסט סעקטארן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן